

# אור מיכאל
## מאור תורתו של הגה"ק ר' מיכאל אליעזר פארשלעגער זצוק"ל





**בנים אתם לה' אלוקיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת כי עם קדוש אתה לה' אלוקיך** (דברים יד,א-ב). די תורה האט געהייסן די אידען נישט צו טרוירען צופיל אויף איינער וואס שטארבט ווייל 'בנים אתם לה' אלוקיכם'. לכאורה וואס האט א שייכות אז די אידען זענען קינדער צום אייבישטער צו די טרויער אויף א טויטער מענטש? די ספורנו איז דאס מסביר. ווען א מענטש האט גאר א נאנטער און באליבטער קרוב וואס טוט עם כסדר טובות איז ער נישט אזוי טרויעריג ווען אן אנדערען קרוב שטארבט. די סיבה איז וויל ער קען זיך טרייסטן מיט דעם וואס ער האט נאך דעם נאנטער קרוב. אזוי אויך אידן זענען קיינמאל נישט טרויריג ווען א קרוב ווערט נפטר ווייל זיי האבן גאר א נאנטער און חשובער קרוב, דער אייבישטער וואס איז אייביג דא. און דאס איז דער שייכות פון בנים אתם לה' אלוקיכם-וויבאלד עטץ זענץ קינדער פון דער אייבישטער לא תתגודדו, טארן ענק נישט טרוירען אויף א טויטער.

מיט דעם פשט האבן מיר א מורא'דיגער טרייסט פון סיי וועלכער צרה מיר געפונען זיך אין. נישט קיין חילוק וועלכע שוועריגקייט אדער צרה באפאלט אונז האבן מיר א ליבע טאטע אין הימל וואס אין אים קענען מיר זיך אנהענגן און טרייסטן.

אין סוף פרשה איז דערמאנט דער מצוה זיך צו פרייען אינם יום טוב סוכות און בפרט אינעם בית המקדש. **ושמחת בחגך אתה ובנך ובתך ועבדך וגו' שבעת ימים תחג לה' אלוקיך במקום אשר יבחר ה וגו' והיית אך שמח** (דברים טז, יד-טו). אויף די גרויסע שמחה וואס איז געווען ביי די שמחת בית השואבה אין בית המקדש ווערט אראפגעברענגט אין גמרא וואס הלל הזקן האט געזאגט "**אם אני כאן הכל כאן, ואם אין אני כאן מי כאן**". עס זענען דא פארשידענע פשטים וואס דאס מיינט. רש"י זאגט אז דאס גייט ארויף אויף דער אייבישטער. אם אני כאן-אויב דער אייבישטער איז דא און וויל רוהען זיין שכינה אין דער בית המקדש-הכל כאן-וועלען אלע אידען קומען. אבער טאמער נישט חס ושלום, אם אין אני כאן -אויב וועט איר זינדיגען וועל איך זיך אוועקקערן און אפלאזן די בית המקדש און -מי כאן- ס'וועט מער נישט קומען קיין אידען דא אין בית המקדש. לכאורה וואס האט א שייכות די ווערטער פון הלל דוקא צו די שמחת בית השואבה?

לויט די ספורנו איז שיין פארשטענדיג. די מקור פון שמחה קומט דאך פון די נאנטקייט פון די אידן צו זייער טאטע אין הימל. אויב אזוי איז די גרויסע שמחה פון די שמחת בית השואבה אין בית המקדש נאר ווען דער אייבישטער איז דארט- אם אני כאן.

מיט דעם קען מען אויך פארשטיין די אינטערסאנטער פיוט פון שמיני עצרת. "בשמחת בית השואבה, הלל מהלל בהלולים, אם אני כאן הכל כאן לנחם אבלים". וואס האט ניחום אבלים מיט די שמחה פון די בית המקדש? לויט די ספורנו איז מוראדיג קלאר, הלל'ס ווערטער טרייסטן אלע וואס האבן פארלוירן א נאנטער ווייל טאמער אני כאן-אויב מען האט א קשר מיטן אייבישטער איז דאך הכל כאן-אלע נחמות און שמחות איז דא און מען קען זיך מי דעם טרייסטן.